# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**

דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה** בת **יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת כי תבא

## די שמחה וואס איז אין דיר

מר. פרייליך האט געקויפט א הויז וואס איז גענוג גרויס פאר זיין משפחה צו וואוינען אין. א הויז קאסט אפ זייער אסאך געלט, ער האט געניצט כמעט אלע זיין געלט צו קויפן די הויז. דאס איז געווען שווער פאר די משפחה ווייל אסאך מאל האבן זיי נישט געקענט האבן זאכן וואס זייערע שכנים אדער חברים האבן געהאט.

ווען די קינדער האבן געוואלט עפעס, אזוי ווי א נייע בייק אדער בריעף-קעיס האבן זיי באקומען די זעלבע ענטפער: "טאטי און מאמי האבן נישט גענוג געלט פאר דאס יעצט"

אזוי איז געווען פאר 2 יאר. עס איז נישט געווען גרינג פאר משפחת פרייליך. אבער איין טאג האט מר. פרייליך אפגעמאכט אז ער וויל געבן זיין קינדער וואס זיי ווילן. ער האט געוואלט זיי זאלן זיין פריילעך און צופרידן. צוביסלאך האט ער אוועקגעלייגט געלט ביז ער האט געהאט גענוג פאר א חול המועד טריפ. ער האט געפלאנט א סורפרייז פאר זיינע קינדער!

מוצאי יו"ט האט מר. פרייליך געלאזט וויסן פאר זיין משפחה אז מען גייט אויף א סורפרייז חול המועד טריפ.

און עס איז באמת'דיג געווען א פיינע טריפ! זיי האבן אלע הנאה געהאט. אויף די ראללער-קאוסטער'ס, גליטשערס און פארשידענע ריידס האבן זיי פארברענגט א גאנצע טאג. אבער זיי האבן זיך עפעס געלערענט אויף יענע טריפ וועגן זיין פריילעך און צופרידן וואס האט גארנישט צו טוען מיט פאן.

צום סוף טאג איז מושי פרייליך געפאלן און זיך אויסגעדרייט זיין פיס. אוי ווי עס האט אים וויי געטוען! זיין מאמע האט אים גענומען צו די דאקטאר, די עקס-רעי האט געוויזן אז זיין ביין איז צובראכן אויף צוויי פלעצער! ער האט געדארפט האבן א קעסט פאר 4 וואכן!

איינער וואס דארף טראגן א קעסט פאר אפאר וואכן ווייסט אז צו קענען גיין אויפ'ן צוויי פיס איז אמת'דיג א גרויסע שמחה. צוויי געזונטע פיס איז אזוי ווי האבן א קאר, דו קענסט גיין דערמיט וואו דו דארפסט דו קענסט גיין ווי שנעל דו ווילסט און אויב דו ווילסט קענסטו בלייבן שטיין! און דו דארפסט עס נישט אנפילען מיט געז פון צייט צו צייט! צוויי פיס איז בעסער ווי א שיינע קאר! פרעג איינער וואס קען ליידער נישט גיין אויף די פיס וועט ער דיר זאגן אז צוויי געזונטע פיס איז א גרעסערע שמחה ווי א נייע פארגעשריטענע קאר!

דאס איז וואס מושי און זיין משפחה און זיין חברים האבן זיך געלערענט יענע סוכות מושי איז געווען קלוג צו פארשטיין וואס דער אויבערשטער לערענט אים דא.

ער געדענקט ווי ער האט אזוי שטארק געוואלט האבן א נייע בייק אזוי ווי די שכן, און א נייע העמד אזוי ווי זיין חבר. און יעצט האט ער פארשטאנען אז אין אמת'ן איז ער געווען זייער רייך די גאנצע צייט! ער האט געהאט צוויי געזונטע פיס! ער האט נאר נישט אריינגעטראכט אין דעם.

צווי פיס! און צוויי הענט! און צוויי אויגן וואס זעהן! א רייכטום! דו האסט עס אלעס? ביסט אן עושר! און אויערן אויך? ווייסטו אז דו האסט אויך פינגערס און א הארץ און לונגען און א מח אויך!

דאס איז מסביר א פסוק אין די פרשה, אין די תוכחה, "תחת אשר לא עבדת את ה' אלוקיך **בשמחה**" דאס מיינט אז די אלע זאכן וועלן געשען אויב דו דינסט נישט דער באשעפער **מיט שמחה**.

דער באשעפער טוט אונז אזוי פיל גוטס אלעמאל, מיר וואלטן אייביג געדארפט צו זיין צופרידן אויב מען טראכט אז אויב מיר וועלן האבן דאס אדער יענץ וועלן מיר זיין צופרידן, איז דאס א סימן אז מיר פארגעסן פון די אלע גוטנס וואס דער באשעפער געט אונז, און מיר דינען אים נישט ווי עס דארף צו זיין! אמאל דארף דער באשעפער אונז דערמאנען, חלילה.

מיר זענען אלע עשירים! אויב מיר קענען רעדן, עסן און הערן - א פארמעגן! עס זענען דא מענטשן וואס קענען נישט עסן אליין, זיי דארפן א פידינג-טוב אויב מיר זענען געראטעוועט פון אזא מצב, דו קענסט אליין עסן, אהה, א שמחה!!

אויב איינער קען נישט טוען איינער פון די זאכן וואלט ער באצאלט מיליאנען אדער ביליאנען צו עס צוריקבאקומען. און מיר האבן דאס אלעס, און נאך מער און מער, בחינם! מיר באצאלן נישט פאר אונזער פיס! די איינציגסטער זאך וואס דער באשעפער בעט פון אונז איז אז מיר זאלן אים דאנקבאר זיין פאר וואס מען האט.

דאס איז די וויכטיגע לימוד פון די פרשה, דאס וואס מושי פרייליך האט זיך געלערענט חול המועד אין פארק זיי פריילעך מיט וואס דו האסט און זאלסט אייביג טראכטן וועגן די פילע מתנות און דאנקבאר זיין צו הקב"ה פאר עס, און מיר זאלן נישט דארפן צוקומען צו דעם אז עס זאל ווערן אוועקגענומען פון אונז חלילה צו אונז דערמאנען צו דאנקען!

גוט שבת!!





כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860